בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וירא תשע"ח | חיי שרה תשס"ט - וירא תשע"ח | גליון 430 [שנה ט']

**וואס מיינט אַחַר תַּעֲבֹרוּ**

וְאֶקְחָה פַת־לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם אַחַר תַּעֲבֹרוּ: (יח ה) דארף מען פארשטיין פארוואס האט אברהם געדארפט זאגן אַחַר תַּעֲבֹרוּ, עס וואלט געווען גענוג צו זאגן וְאֶקְחָה פַת־לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם, ווייל דער עיקר וואס אברהם האט געוואלט, איז אז זיי זאלן עסן? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס די גמ' (חולין דף ז:) שרייבט ישראל קדושים הם, די אידן זענען הייליג, יש מי שרוצה ואין לו, עס זענען דא וואס ווילן געבן צו עסן, נאר זיי האבן נישט, ויש מי שיש לו ואינו רוצה, און עס זענען דא וואס האבן און ווילן נישט געבן, פרעגט תוס' ד"ה ויש שיש לו. אויב ער וויל נישט געבן צו עסן פארוואס רופט מען זיי קדושים? ענטפערט תוס' ווייל באמת לאדנט ער איין און גיט יא צו עסן, אבער ער טוט דאס נאר ווייל ער שעמט זיך פון דעם ארימאן, אבער ער הייסט הייליג, ווייל ער האט פונדעסטוועגן מהנה געווען א ארימאן ע"כ. קען מען מסביר זיין תוס': עס זענען דא וואס געבן מיט א עין יפה און עס זענען דא וואס געבן מיט א עין רעה, דאס מיינט דער וואס גיט ווייל ער שעמט זיך, דאס איז עין רעה, ווייל בשעת ער גיט האט ער הנאה, אבער נאכדעם טוט דאס אים וויי פארוואס ער האט געגעבן, אבער ער הייסט הייליג ווייל בשעת ער האט געגעבן האט ער הנאה געהאט פון געבן, אבער עס איז דא א גרעסערע מדריגה, האבן הנאה אויך נאכדעם וואס מען האט געגעבן פארן ארימאן און מען פריידט זיך מיט דעם, דאס האט אברהם אבינו געזאגט, וְאֶקְחָה פַת־לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם, איך וויל אייך געבן צו עסן, און אַחַר תַּעֲבֹרוּ, נאכדעם וואס איר גייט אוועק וועל איך זיך אויך פרייען, ווייל איך וועל אייך געבן צו עסן מיט א עין יפה, א גוטע אויג. (קובץ הבאר תרפ"ג בשם הר' שמואל הלוי מאדלינגער בעהמ"ח ס' דברי שמואל חתן הרה"צ מסאמבור זצ"ל פה לבוב)

**שוב איז א לשון פון תשובה**

וַיֹּאמֶר שׁוֹב אָשׁוּב אֵלֶיךָ כָּעֵת חַיָּה: (י"ח י') עס שטייט אין זוהר הק' (ח"א דף רכ"ד) ווען א מענטש זינדיגט חלילה, איז יענע טאג גערעכנט ווי א מת [צדיקים טייטשן ואברהם זקן בא בימים מיינט ער איז געקומען מיט אלע טעג, זיי האבן געלעבט] און דער מענטש איז אויך ווי א מת ווייל ער האט פארלוירן זיין חיות דקדושה, אבער ווען ער טוט תשובה ווערט ער צוריק א נייער מענטש, און יענע טאג ווערט א חי, דאס איז מרומז אין פסוק: שׁוֹב א לשון פון תשובה, אויב דו האסט געזינדיגט. אָשׁוּב אֵלֶיךָ, נאך דיין תשובה וועט זיך צוריק קערן, כָּעֵת חַיָּה, דיינע חַיּוֹת, און צוריק ווערן א לעבעדיגער מענטש. (כנסת יחזקאל ראדאמסק)

**נישט קוקן אויף צוריק וואס איז געווען**

וַיֹּאמֶר הִמָּלֵט עַל־נַפְשֶׁךָ אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ: (י"ט י"ז) דער דרך פון יצה"ר איז אלעמאל דערמאנען די שלעכט'ס וואס מען האט געטאן און ער זאגט דעם מענטש ביזט אזא בעל עבירה און אזוי ברענגט ער דעם מענטש צו א יאוש, דאס מיינט: וַיֹּאמֶר, זאגט די הייליגע תורה, הִמָּלֵט עַל־נַפְשֶׁךָ, זאלסט זיך ראטעווען פון דעם יצה"ר און אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ, זאלסט קיינמאל נישט צוריק קוקן און טראכטן אַחֲרֶיךָ וואס עס איז געווען, נאר מען זאל שטענדיג קוקן אז עס גייט זיין גוט. (אמרי יהודה היילפרין ברעזאן) דער הייליגער בית אהרן פון קארלין פלעגט זאגן מֵעַתָּה, נעם זיך תשובה טאן פון יעצט, וְעַד עוֹלָם. טראכט נישט וואס איז געווען, נעם זיך פון יעצט און זיי גוט, הרה"ח ר' מענדל צײלינגאלד זצ"ל (נאך געווען ביים הייליגן אור ישראל מסטאלין זצוק"ל) פלעגט נאכזאגן פון זיינע רבי'ס, מען זאל נישט זאגט אמאל איז געווען אזוי, ווייל אמאל איז עמלק, דאס איז דער מכויין פון אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ. (שמח זבולון תשע"ח)

**ווען האט מען געגעבן דעם נאמען יצחק?**

וַיִּקְרָא אַבְרָהָם אֶת־שֶׁם־בְּנוֹ הַנּוֹלַד־לוֹ אֲשֶׁר־יָלְדָה־לּוֹ שָׂרָה יִצְחָק: וַיָּמָל אַבְרָהָם אֶת־יִצְחָק בְּנוֹ בֶּן־שְׁמֹנַת יָמִים כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים: (כא ג–ד) עס איז משמע פון דעם פסוק אז אברהם האט געגעבן דעם נאמען יִצְחָק פארן ברית ווייל פריערט שטייט וַיִּקְרָא אַבְרָהָם אֶת שֶׁם בְּנוֹ הַנּוֹלַד לוֹ – יִצְחָק, און נאכן געבן דעם נאמען שטייט, וַיָּמָל אַבְרָהָם אֶת־יִצְחָק בְּנוֹ, און דער סדר העולם איז צו געבן א נאמען נאכן ברית, און דער שכל איז אזוי מחייב אז מען גיט א נאמען נאכדעם וואס מען איז שוין א איד? נאר עס שטייט אין פ' לך לך (י"ז י"ט) וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֲבָל שָׂרָה אִשְׁתְּךָ יֹלֶדֶת לְךָ בֵּן וְקָרָאתָ אֶת־שְׁמוֹ יִצְחָק, שטייט דא אז דער אויבערשטער האט באפוילן אברהם אבינו אז גלייך וואס שרה האט א קינד זאל מען אים געבן דעם נאמען יצחק, ממילא איז דאס א ציווי ה', דעריבער איז זייער גוט וואס שטייט אין פסוק וַיִּקְרָא אַבְרָהָם אֶת שֶׁם בְּנוֹ און וַיָּמָל אַבְרָהָם אֶת־יִצְחָק בְּנוֹ בֶּן־שְׁמֹנַת יָמִים די צוויי זאכן: רופן דעם נאמען ביים געבוירן ווערן און מילה ליום השמיני, זענען געווען כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים ווייל אזוי האט דער אויבערשטער באפוילן. (קובץ הבאר סימן נ"ה מהגאון ר' נפתלי צבי יהודה ברלין הנצי"ב געהערט פון הרה"ג רא"א וואלדשאן זצ"ל מו"צ שערשאב)

**א שיינע דרוש אויף די נסיון פון אברהם ביי די עקידה**

וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי וַיֹּאמֶר קַח־נָא אֶת־בִּנְךָ: (כב א–ב)לכאורה איז שווער פארוואס דארף שטיין וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי, עס וואלט נאר געדארפט שטיין וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם אז דער אויבערשטער האט געגעבן א נסיון, און וַיֹּאמֶר קַח נָא אֶת־בִּנְךָ, פארוואס דארף שטיין וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי, ווען דער עיקר נסיון איז קַח נָא? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס מיין הייליגער רבי הגאון ר' יעקב מרדכי זצ"ל אבד"ק בילגוריי זי"ע איז מפרש דער פסוק (כב ד) בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק, וואס מיינט די ווארט הַמָּקוֹם און וואס מיינט מֵרָחֹק? נאר עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה פס"ח י) אז מָקוֹם מיינט דער אויבערשטער ווייל ער איז מקומו של עולם (תיקוני זוהר תיקון מ"ב) איז פשט אין פסוק אז אברהם האט געזען אז דער אויבערשטער איז ווייט פון אים, דאס מיינט אז אברהם אבינו איז אלעמאל געווען זייער דָבוּק אין אויבערשטן ממילא ביי אים איז נישט שייך א נסיון ווייל וואס דער אויבערשטער וועט אים זאגן וועט ער פאלגן מיט מסירת נפש, ממילא איז די נסיון פון עקידה נישט קיין נסיון בכלל פאר אברהם! און כדי עס זאל זיין א נסיון האט דער אויבערשטער צוגענומען פון אברהם זיינע גרויסע מדריגות ממילא וועט דער נסיון זיין א נסיון און דער אויבערשטער האט געוואלט אז אברהם זאל עומד זיין אין דעם נסיון ע"כ ממורי. (עיין היטב בעבודת ישראל קאזניץ סו"פ וירא).

יעצט צוריק צו אונזער פסוק: מיר ווייסן אז ווען אברהם איז געווען אין א הויכע מדריגה האט אים דער אויבערשטער גערופן מיט ליבשאפט אַבְרָהָם אַבְרָהָם אזוי ווי ביי יַעֲקֹב יַעֲקֹב און מֹשֶׁה מֹשֶׁה כידוע, אבער דא, נאכדעם וואס מען האט צוגענומען די מדריגות פון אברהם אבינו איז ער שוין נישט געווען אין די הויכע מדריגה און מען דארף אים רופן נאר אַבְרָהָם און נישט אַבְרָהָם אַבְרָהָם, אבער ווייל אַבְרָהָם האט דאך נישט געהאט קיין עבירות, האט דער אויבערשטער נישט געוואלט אוועק נעמען די מדריגות פון אַבְרָהָם אן זיין רשות, דעריבער שטייט אין פסוק וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם, און כדי דאס צו טאן אז עס זאל זיין א נסיון, מוז מען דאך צונעמען זיינע מדריגות, דעריבער, וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם, האט דער אויבערשטער געבעטן רשות פון אַבְרָהָם צונעמען זיינע מדריגות און האט אים אויך געזאגט אז נאכן צו נעמען זיינע מדריגות וועט מען דיר רופן נאר אַבְרָהָם אליין, וַיֹּאמֶר, האט אברהם געענטפערט: הִנֵּנִי, ער איז גרייט און מסכים צו דעם, האט מען צוגענומען זיינע מדריגות, און ערשט דעמאלטס זאגט אים דער רבש״ע וַיֹּאמֶר קַח נָא אֶת־בִּנְךָ, וועט עס שוין זיין א גרויסע נסיון. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר׳ הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו בספר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא דער מחבר פון ספר בן לאשרי זאגטצו ישועות פאר ווער עס וועט לערנען זיין תורה און דאס איבערזאגן.

## מדור העובדות

## דער הייליגער צאנזער רב באקומט א פיש אנשטאט א אתרוג און איז גאר פרייליך

איין יאר האט זיך געמאכט א מאנגעל פון שיינע אתרוגים און אלע אתרוגים וואס מען האט געברענגט פארן הייליגן דברי חיים מצאנז זצוק״ל האט אים נישט געפעלן, זענען געגאנגען די געטרייע גבאים און גענומען צוויי חשובע שלוחים און זיי געבעטן פָארן אין די גרעסערע שטעט און אפזוכן פארן רבין גאר א שיינעם אתרוג, מען האט מיט געגעבן א גרויסע סכום געלט און געהאפט אז זיי וועלן עפעס טרעפן, דער אויבערשטער האט זיי גלייך צו געשיקט א גאר מהודר׳דיגן אתרוג. מען האט געבעטן א הוֹן רב פארן אתרוג און זיי האבן זיך נישט געדונגען און געפריידט אז זיי האבן א שיינעם אתרוג פארן דברי חיים.

אויפן וועג אהיים האבן זיי זיך אפגעשטעלט ביי א דארפס איד וואס האט געהאנדלט מיט לעבעדיגע פיש און איז געווען א גרויסער עושר און אים דערציילט וועגן די שיינע אתרוג וואס זיי האבן געקויפט פארן צאנזער רב, און ווען די שלוחים האבן דערזען די פיש האבן זיי זיך דערמאנט אז אין צאנז איז דעמאלטס נישט געווען קיין פיש און מען האט געמוזט עסן געזאלצענע הערינג פאר די סעודות יו״ט. דעריבער האבן די שלוחים געבעטן אויב זיי קענען קויפן אפאר לעבעדיגע פיש און אויך מהנה זיין דעם רבין מיט פיש אויף יו״ט, אבער דער איד ענטפערט אז יעצט איז דא ווייניג פיש און ער קען זיי נישט פארקויפן.

זיי האבן אים שטארק איינגעבעטן און פארגעלייגט א גרויסע סכום געלט אבער ער האט געענטפערט אים פעלט נישט קיין געלט נאר אויב זיי ווילן האט ער גאר א גרויסער לעבעדיגע פיש וואס וועט זיין גענוג פאר גאנץ יו״ט און ער וועט דאס זיי געבן אנשטאט דעם אתרוג, די שלוחים האבן געמאכט א חשבון אז דעם ערשטן טאג סוכות איז סיי ווי שבת, און פיש אויף יו״ט איז א גרויסע חשיבות און זיי האבן מסכים געווען צום געשעפט. זיי האבן געלייגט דער לעבעדיגער פיש אין א גרויסער פאס מיט וואסער אויפן וואגן.

ווען די שלוחים זענען אנגעקומען קיין צאנז זענען אנקעגן געגאנגען די גבאים און די חסידים ווילענדיג זען דעם שיינעם אתרוג פארן רבין אבער די שלוחים האבן זיי געזאגט די בשורה טובה פון דעם גרויסן פיש וואס זיי האבן געטוישט פארן אתרוג און די גבאים זענען געווארן אין כעס אויף זיי, אזא שטות! בייטן א שיינעם אתרוג פאר א פיש! די שלוחים זענען געווארן פארשעמט און פון רוב בושה זענען זיי אוועק געפארן אין א נאנטן דארף, איבערלאזנדיג די פיש אין צאנז, און האבן דארטן פארבליבן אויף יו״ט.

דערווייל האט מען אויפגעקאכט דעם גרויסן פיש און מען האט מחליט געווען אז מען וועט נישט דערציילן פארן רבין וואס עס איז דא פארגעקומען, אלעס איז געווען אפן פארן הייליגער צדיק און אלעם געזען, צום וואונדער פון די גבאים, ווען זיי האבן דערלאנגט דעם פיש פארן רבין ביי די סעודה פון ליל שבת קודש האט זיך דער צאנזער רב אנגערופן "א דאנק פאר די געטרייע שלוחים וואס האבן געהאט די פארשטאנד אז ווייל דער יאר איז דאך דער ערשטער טאג יו״ט אין שבת, האבן זיי פארשטאנען די גרויסע חשיבות פון האבן פרישע פיש אויף סעודת יו״ט, ממילא א אתרוג דעם יאר איז נאר א דרבנן אבער פיש האט צוויי מצוות: ושמחת בחגיך און וקראת לשבת עונג".

דער רבי האט גענומען א גרויסע שטיקל פיש און געהייסן די גבאים דאס אוועקלייגן און מוצאי שב״ק מוזן זיי אויפזוכן די צוויי שלוחים און דאס געבן און זיי איבערבעטן. מוצש״ק זענען זיי געפארן אין דארף און געגעבן די שיריים פאר די שלוחים און האבן זיי איבער געבעטן און די שלוחים זענען געאנגען קיין צאנז מיט גרויס פרייד.

דערווייל איז די שמחה געווארן גאר גרויס ווען אינמיטן די נאכט פון מוצאי יו״ט איז אנגעקומען דער פיש סוחר און האט מיט געברענגט דעם אתרוג און דאס איבערגעגעבן אין האנט פון צדיק זאגענדיג אז ער האט באמת געוואלט מהנה זיין דער צדיק מיט פיש און אויך מיט א שיינעם אתרוג.

דער גליון איז לעי״נ הבחור יוסף שמואל ע״ה ב״ר צבי אלימלך נ״י, און לעי״נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר׳ מיכאל בן רחמים נימני זצ״ל כ״א תמוז תשע״ז

**הוצא לאור ע״י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

ספר גבעת פנחס על איוב מהמגיד מפאלצק תלמיד הגר״א נדיר מאוד $3000. ספר "והוא שאול" פולמוס על החיים באמעריקא מיוסד על שיר השירים באסטאן תרע״א $1000, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי״א $5000 שו״ת חת״ם סופר ב׳ כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר׳ יעקב הורוביץ ור׳ אלעזר הורוביץ $2000 ספר עם חתימת הרה״ק ר׳ אביש מקראלא עם קמיע $7000, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר׳ אברהם פאם $180 הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה״ק ר׳ יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר׳ חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה״צ מטאש זצוק״ל, א בריוו פון הרה״ק ר׳ מרדכי ובנו ר׳ אברהם די זוויהעלע רבי״ס זצוק״ל, א גמרא פון הגאון ר׳ שלמה הײמאן זצ״ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת״י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע״י חפץ חיים $400 שו״ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר׳ מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר״א דפו״ר שייך להגאון ר׳ שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-**
**pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***